# חברה מחזיקי הדת דארצות הברית וקנדה "מצוות עירוב"

**ב"ה ברוקלין נוא יארק – צווייטע יארגאנג נאמבער 16 – חודש סיון שנת תשס"ג לפ"ק**

נתייסד על ידי בית דין מיוחד לעניני חיזוק הדת: הרב שמשון חיים מאשקאביטין גאב"ד - הרב משה בנימין שווארץ ראב"ד - הרב עזרא קליינמאן דומ"ץ


## מיהו יהודי או מיהו צדוקי ומין ואפיקורס לפי חז"ל

**עולם הפוך ראיתי - גלייבט נישט די רע-בנים און רבי'ס וואס האבען די גרויסע טיטלען, גיט זיי נישט קיין צדקה, ווייל מיט דעם שטיצט איר עוקרי הדת ועוקרי תורת משה רבינו ע"ה.**

**דער גרויסער טיטלען פונעם תשב"ץ (ח"ב סימן ל"ז)**

**וז"ל: המתנגד לעירוב:**

**1. או שהם הדיוטות גמורה הוא. 2. או מינות נזרקה בו.**

**די גרויסע טיטלען וואס דער הייליגער רא"ש ז"ל גיט אויף די מתנגדים לעירוב:**

**1.שוטה. 2. חסר-מוח. 3. חסר דעת. 4. משוגע 5. היו ממיתין אותו כדין זקן ממרא. 6. זקן ממרא. 7. נידוי. 8. לבער עושה הרעה מקרבנו. 9. וירחיקוהו ויבדילהו מעדת ישראל. 10. שלא יבא כל שוטה חסר דעת לבטל תורת משה רבינו ע"ה.**

**אין היינטיגען משוגע'נעם דור פון עקבתא דמשיחא וואס חוצפה יסגי[1], אט די משוגעים חסרים מוח וואס ווילען עוקר זיין תורת משה רבינו ע"ה רופען זיך רבי! רב! מנהיג ישראל?**

**אט די צדוקים מיינען ווייל זיי האבען אפ געקויפט די עטליכע רבנים מיט די אידישע צייטונגען [וואס זענען פיהל מיט שקרים וכזבים[2]] וואס פאר בצע כסף מיט פאליטיק זענען זיי גרייט זיך מיט כלל ישראל צו שמד'ן, זיי מיינען אז זיי ווועלען קענען פארפירען דעם גאנצען דור זיך ביקען צו זייער עגל הזהב, עוקר צו זיין די גאנצע עשרת הדברות. [מיר האפען אז מיר וועלען נישט דארפן ארויס שרייבען ווי זיי האבען עוקר געווען די גאנצע עשרת הדברות, אויב זיי וועלען נישט אויפהערן טעראריזירן אידישע קינדער, ווי דער הייליגער רא"ש זאגט "חזור בך", וועלען מיר מוזען ארויס שרייבען אלע זייערע באהאלטענע שמד וועגען וואס זיי האבען שוין אפגעטוהן ביז יעצט, למען ישמעו ויראו, מען זאל אנטלויפן פון זיי כמטחוי קשת, מיר זיכען דאס נישט, אבער אויב מיר וועלען מוזען וועט אלעס אי"ה ארויס קומען].**

---

1) ראה רש"י תהלים (פ"ט, נ"ב): עקבות משיחך - סופי מלך המשיח ולשון משנה הוא בעקבות המשיח חוצפא יסגא. ראה עוד סוטה מ"ט ב'. ראה עוד רש"י סנהדרין צ"ז א'.

2) איינער א גרויסער רב האט פארציילט א מעשה שהיה: א יוד קומט אריין אין געשעפט ער וויל קויפען דעם צייטונג דער איד, בעט יענער $7 פאר דעם צייטונג, רופט זיך אן דער קונה וואס הייסט? עס שטייט דאך אז עס קאסט נאר בלויז $1! ווי קומט איר צו בעטען $7 עס איז דאך הפקעת שערים? ענפערט איהם דער סוחר דאס איז נישט דער ערשטער ליגענט וואס דער איד שרייבט, וד"ל. אויך האט א צווייטער רב צוגעגעבען אז אויב דער איד וואס האט שוין מבזה געווען 40 יאר אלע גדולי ישראל, אט מיט דעם זעלבען שטעקען שלאגט מען יעצט די הייליגע מצוה פון עירוב וואס דאס איז דער יסוד קדושת השבת האלטען מיר זייער גוט.
דער חילוק איז נאר אז ביז יעצט האט די גאנצע וועלט געוואוסט ווער די רשעים ואפיקורסים זענען. אבער די ערליכע אידען אין סאטמאר האבען זיך ביז היינט נישט געחאפט ווער דער איד איז! היינט ווען מען האט זיך גענומען פארשווארצען דעם הייליגען נאמען פון רבינו הקדוש מסאטמאר זי"ע וואס האט זיך מוסר נפש געווען אויף יעדען קוצו של יו"ד פון די הייליגע תורה הקדושה, און כל ימיו געגאנגען אין דעם אויסגעטראטענעם דרך פון הייליגען חת"ס ודברי חיים, גייען די שונאי הדת גלגולים פון די יוונים און מיט די חכמה פון די משכילים האבען זיי קודם געשריבען צוויי יאר אין דעם צייטונג מזייף געווען שיטת כל גדולי ישראל און נאך דעם האבען זיי מזייף געווען אין געמאכט רבינו הקדוש מסאטמאר כאילו ער איז געווען דער גרעסטער לוחם בדורינו א קעגען מצוות עירובין! עפ"ל.[נאך דעם האבען זיי אנגעפאנגען די זעלבע מערכה אין דער איד, וואס טיט מען נישט פאר געלט!] על אף וואס רבינו הקדוש האט געבעטען אלע רבנים וגדולי ישראל בשעתו זאלען שרייבען מכתבי תשובה ובירורי הלכה וועגען מצות עירוב מעורר זיין מען זאל מקיים זיין די הייליגע מצוה פון עירוב אין וויליאמסבורג. די אלע מכתבים ובירורים זענען שוין לאנג געדריקט געווארן אין אלע תשובה ספרים עס איז געשריבען געווארן 39 מכתבים. [און רבינו הקדוש האט געהייסען דעם ראצפערטער רביין זצ"ל אויפשטעלען אן עירוב אין וויליאמסבורג, דעם ערשטען שבת האבען יוונים אפגעריסען דעם עירוב בליל שבת קודש ווען די סאטמערער חסידים מיט די רבנים זענען אהיים געגאנגען פון שוהל, אלע האבען דאס געזעהן, אלע האבען דאס געוואוסט, אבער די שקרנים וכזבנים די יוונים האבען נישט מורא צו שרייבען שקרים, ווייל זיי ווייסען זייער גוט אז געזעהן האבען בלויז 10 מענטשען, אבער זייער טרפה'נער צייטונג זעהן 10 טויזנט מענטשען, אזוי פארפירן זיי כלל ישראל מיט די גרעסטע שקרים וכזבים אלע יארן, נוסח היטלער ימ"ש, זיי חזרין איבער דעם ליגענט אזויפיהל מאל ביז עס גייט אריין אין קאפ פון די נערנים], אט די אלע גדולי ישראל שרייבען בשם רבינו הק' מסאטמאר וואס זיין הייליגע שיטה איז געווען וועגען עירוב.
ווער עס וויל זעהן די אלע מכתבי תשובות ובירורים זאל רופן **וועד העירוב דבארא פארק:**
רשימת הדברים שאפשר לקבל על ידי הפאקס של: 7411 - 438 - (718).
ווער עס וויל באקומען גליונות פון: **"וועד תיקון עירובין דוויליאמסבורג"**
**בהשגחת בית דין מיוחד לעניני עירובין זאל רופען:** 4498 - 387 – 718
**צו הערן דברי תורה פון מעיינות התורה והחסידות בעניני עירובין רופט:**
**212 990-6845**
די זייפנים האבען מזייף געווען אין די תשובה פון רבי יונתן שטייף זצ"ל. אין בלויז 3 עמודים פון די תשובה פון עירוב האבען זיי אריינגעשמוגעלט 600 זיופים, עס איז שוין געדרוקט געווארן אין די טויזענטער. מיר האפען נאך צו דרוקן די כתבי יד מיטן ארגינעל יעדער זאל דאס אליין זעהן.
מזיוף אל זיוף האבען די יוונים מצליח געווען צו מאכען פון רבינו הקדוש א פאלשע שיטה כאילו רבינו הקדוש, ער אליין איז געווען א גרויסער לוחם קעגען עירוב, יעצט אויב זיי האבען שוין אוועק געשטעל אזא פאלטשע שיטה, האבען זיך די אלע קליינע רבנים'לעך [בעד בצע כסף ה"עגל הזהב"] וואס ווייסען נישט ווי אזוי עס זעהט אויס מסכת עירובין און אוודאי נישט הלכות עירובין ובוודאי קענען זיי נישט אפ שרייבען א תשובה אין הלכות עירובין, אבער א חתימה קען דאך יעדער געבען און די עמי הערצים שרייען אלע אינאיינעם געוואלד! **דער "עגל טאנצט", און שרייט, מען טאר נישט מאכען קיין עירוב", מען מוז עוקר זיין מסכת עירובין מיט דעם גאנצען שו"ע הלכות עירובין** עפ"ל. זיי האבען געטוהן פונקט ווי עס שטייט אין די תורה הקדושה שמות (לב, ד'), "ויצר אותו בחרט ויעשהו עגל מסכה ויאמרו אלה אלוהיך ישראל" וגו'. סרו מהר מן הדרך עשו להם עגל מסכה וישתחוו לו ויזבחו לו ויאמרו אלה אלהיך ישראל אשר העלוך מארץ מצרים.
קודם האבן זיי געשריבן יארן לאנג אין די צייטונגען און פלאקאטן, מזייף געווען די נעמען פון אלע גדולי ישראל [פארשטייט זיך אז מיהאט באצאלט די רבנים פיל געלט, אז זיי זאלן מסכים זיין צו דעם זיוף, ביז ווען דער עגל האט זיך אויפגעבויט]. נאך דעם, ווען זיי האבן שוין גענדיקט מזייף זיין די נעמען פון אלע גדולי ישראל האבן זיי אנגעפאנגען מיט זיופים אויפן חשבון פון רביה"ק מסאטמאר זי"ע.
זיי האבן מזייף געווען פיל חתימות פון ערליכע רבנים, די רבנים קענען טאקע ביי זיך אין בית המדרש לייקענען, אבער דער איד מיט דער צייטונג וועט דאך נישט אריינלייגען זייער קול קורא אז די חתימה איז א זיוף. ביז זיי האבען אויפגעבויט א שיינעם "עגל הזהב". אבער לא אלמן ישראל עס איז נאך געבליבען אחד בעיר ושניים במשפחה אשר לא ארעו לבעל הציוני זייער עגל הזהב, מעשה צדוקים מינים ואפיקורסים וואס ווילען עוקר זיין תורת משה רבינו ע"ה.
רבותי גלייבט קיינעם נישט נאר קוקט אריין אין ספר חי אנוכי לעולם די שיטה פון רבינו הקדוש והטהור, אויך קוקט אריין אין דעם ספר על מצוות עירוב וואו עס שטייט קלאר אלע מקורות פון כל התורה כולה בלשונם אן קיינע זיופים.

יא רבותי די עוקרי מצוות קדושת השבת והדת זרע עמלק ואחשוורוש האבען גענומען אויף זיך להשמיד להרוג ולאבד טף ונשים ביום אחד[3] (אסתר ג׳) פונקט ווי די יוונים האבען נישט געלאזט היטען דעם הייליגען שבת (ראה רש״י תהלים פ׳ ה׳, עד מתי עשנת-בצרות מלכי יון שהרעו מאד לישראל. ראה עוד משלי ל׳ ל״א. ראה עוד רש״י דניאל י״א, י״ז, וז״ל: הוא אנטיוכס הרשע מלך יון שגזר גזירות על ישראל וצוה לפולימוס שר צבאו להרוג את כל הקורא שמו יהודי וכו), מיט אט די זעלבע מעטאדען פירן זיך די היינטיגע יוונים וואס רופן זיך חסידים, זיי שלאגען, הרגינען ברעכעד קעפ, רויבען, צווינגען רבנים מיט אידישע קינדער זאלן זיך שמדין צו זייער נייע גלויבען! - יא רבותי אז מען דערלעבט דערלעבט מען! זעה דניאל (פרק ח׳ פסוק י״ט): ״ויאמר הנני מודיעך את אשר יהיה באחרית הזע״ם כי למועד קץ״ (ועיין עוד אבן עזרא שם). מיר האפען אז דאס איז דער לעצטער נסיון פון אידישע קינדער, אויב מיר וועלן ביישטיין דעם נסיון פון שמירת שבת וועלען מיר בקרוב זוכה זיין צו די גאולה.

**דער בעל שם טוב הקדוש זי״ע האט פאראויס געזאט וואס דער לעצטער נסיון וועט זיין בעקבתא דמשיחא:**

**הבעל שם טוב הקדוש זי״ע שומע במתיבתא דרקיע ש״מקוה״ ש׳חיטה וע׳ירוב הם יסודי הדת שהעולם עומד עליהם, ומרומז בפסוק בזע״ם[4] תצעד ארץ ראשי תיבות: ז׳ביחה ע׳ירובין מ׳קוואות**

שמעתי שתלמידי הרבי ישראל בעל שם טוב זכרונו לברכה היו יושבים ביחד ומתווכחים איזהו הדבר העקרי שראש ומנהיג הדור צריך להשגיח עליו. יש מהם אמרו שהעיקר הוא להשגיח על הזביחה שיהיה השו״ב ירא שמים, וכן בכל שאר ענינים השייכים לזה כי חס ושלום מאכלות אסורים מטמטמים את הלב. ויש **שאמרו עירובין הוא העיקר כי הלכות שבת כהררים התלויים בשערה** (חגיגה דף י׳ עמוד א׳) **והאיסור חמור מאוד**. ויש אמרו **מקוה היא העיקר להשגיח שהמקוה תהיה כשרה בלי שום חשש, כי אם יסוד בנין האדם הוא חס ושלום בלי כשרות קשה לו מאוד להתגבר על הרע רחמנא ליצלן.** ואחר **זה אמר** להם מרן הרב ישראל בעל שם טוב זכרונו לברכה בזה הלשון, תיתי לי כי בעת הזאת פלפלו גם כן במתיבתא דרקיע[5] איזה מהם עיקר ואמרו כמר וכמר. והסימן הוא במקרא (חבקוק ג׳) בזע״ם תצעד ארץ[6] ראשי תיבות ״זביחה[7], ״עירובין[8], ״מקוה[9], כל אלה הם יסוד הארץ.

עכ״ל. (ספר ברכות אברהם פ׳ ואתחנן, בית אהרן בליקוטים, וכן הוא בבעל שם טוב עה״ת פ׳ יתרו).

**<u>מיר דארפן מאכען שוין א טיילונג, פון מי לה׳ אלי! - מיר טארען נישט האבען קיין שייכות מיט די עוקרי הדת! - דער רא״ש מיטן תשב״ץ מיט אלע ספרי בעל שם טוב זאגען אונז אז אן עירוב איז רשות היחיד יחידו של עולם דאס איז די קדושה, קומען די צדוקים און שרייען אז עירוב איז טומאה[10] - פרטים יבואו!</u>**

**עס איז ארויס געקומען עטליכע ספרים אויף עירובין וואס יעדער קען זעהן און לערנען די געוואלדיגע גרויסע מצוה פון עירוב: א. ספר והחי יתן אל לבו: דעת תורה פון רבינו הקדוש מסאטמאר זי״ע. ב. ספר על מצוות עירוב.**

## <u>מכתבים למערכת</u>

איך האב געזהן אין אייער באשרייבונג לעצטע וואך, אז די התאחדות הרבנים האט מכשיל געווען טויזנטער אידען מיט מקוואות פסולות, על כן וויל איך וויסען פרטים וועגען דעם. איך וועל אייך זאגען דעם אמת: איך בין א אלטער רב, א זקן בא בשנים אין די שטאט... איך האב האב געוואלט פארגערעסערן אונזער מקוה ווייל ביי אונז איז מען מגייר גרים וכו׳, האב איך גערופען צו די התאחדות הרבנים און זיי געבעטען אז איך וויל האבען דעם בעסטען רב, דעם גרעסטען מומחה אויף מקוואות, איך בין גרייט צו צאלען וויפיהל געלט מען וויל, געלט איז דא גענוג, האבען זיי מיר געשיקט דעם רב..... וויל איך אייך פרעגען, איז דער רב טאקע דער מכשיל הרבים וואס איר שרייבט? קען מען זיך טאקע נישט מער פארלאזען אויף די התאחדות הרבנים אפסעלוט גארנישט נישט?,

**תשובה:** איר האט גוט צו געטראפען, אויף דעם הכשר פון דעם רב קענט איר נישט טרינקען אפילו א גלעזעל וואסער! אויב איר ווילט זיך טאקע איבערצייגען דעם אמת פון מקורות מוסמכים, אז איר זאלט וויסען דעם פסק הלכה פון די גדולי ישראל אין ארץ ישראל. מאכט א טלפון צו דעם ראבינאט רבנות הראשית אין א״י, אויך צו הגה״צ הרב אלישיב שליט״א, פרעגט זיי אויב זיי וועלען אננעמען א גר וואס האט זיך געטובלט אין די מקוה פון דעם רב המכשיר וואס קומט מטעם התאחדות הרבנים, וועט איר אלעס געוואר ווערן. אויב ווילט איר האבען טעיפט פון גדולי ישראל וועגען די נאמנות פון התאחדות הרבנים אויף מקוואות זייט מוחל רופט אפ הרב הגאון רבי נחום ראזענבערג רב המקוואות, פרעגט איהם! זיין טעלעפון נומער איז: 1917-234-1110

**חברה מחזיקי הדת דארצות הברית וקנדה**

ווער עס וויל העלפען מפרסם זיין ענינים וועגען די מצוה שחיטה מקוה עירוב, וואס איז מרומז אין ש׳מ׳ע׳ ישראל, שחיטה מקוה עירוב, זאל אריין שיקען צו דעם פאסט באקס:

<u>ALGEMEINER JOURNAL P. O. B. # 250746 BROOKLYN, N.Y, 11225</u>

אחד מעיר מזכה את כל העיר שנים ממשפחה מזכים את כל המשפחה, ובזכותן יצאו כלם מהגלות

---

3) העתקנו בשבוע שעבר מספה״ק ישמח משה בענין כ׳ סיון על הפסוק על מגילת אסתר כתב על פסוק (שם ט׳, כ״ח) וימי הפורים האלה לא יעברו מתוך היהודים וזכרם לא יסוף מזרעם, עיי״ש, ומפני זה רצו לעקור בפומבי תורת משה רבינו ע״ה דווקא בכ׳ סיון העבר, וכתבו חדשים שלימים מודעות בעיתונות בנוסח: הכונו, לעקור את קדושת השבת!, עפ״ל.

4) אפשר לפרש הפסוק **בְּזַעַ״ם** תִּצְעַד אָרֶץ, שהוא ראשי תיבות **ז׳**כר **ע׳**מלק **מ׳**יתחת, ראה שמות (פרק יז פסוק יד), וַיֹּאמֶר ה׳ אֶל מֹשֶׁה כְּתֹב זֹאת זִכָּרוֹן בַּסֵּפֶר וְשִׂים בְּאָזְנֵי יְהוֹשֻׁעַ כִּי מָחֹה אֶמְחֶה אֶת **זֵכֶר עֲמָלֵק מִתַּחַת** הַשָּׁמָיִם, בא לרמז שעל ידי שיזהרו בג׳ ענינים אלו **ז׳**ביחה **ע׳**ירובין **מ׳**קוואות, אמחה את זכר עמלק. וכן מרומז בפסוק דברים (פרק כה פסוק יט): ״וְהָיָה בְּהָנִיחַ הי׳אֱלֹהֶיךָ לְךָ מִכָּל אֹיְבֶיךָ מִסָּבִיב בָּאָרֶץ אֲשֶׁר ה׳ אֱלֹקיךָ נֹתֵן לְךָ נַחֲלָה לְרִשְׁתָּהּ תִּמְחֶה אֶת **ז׳**כֶר **עֲ׳**מָלֵק **מִ׳**תַּחַת הַשָּׁמָיִם לֹא תִּשְׁכָּח״.

5) ראה שאלות ותשובות מן השמים, (סימן ה׳, הובא ברדב״ז סוף ח״ה).

6) (ספר חבקוק פרק ג׳ פסוק י״ב) בְּזַעַם תִּצְעַד אָרֶץ בְּאַף תָּדוּשׁ גּוֹיִם. ראה רש״י חבקוק (פרק ג׳ פסוק י״ב) וזה לשונו: **״בזעם תצעד ארץ״: - לגרש שבעה עכו״ם.** ובמצודות דוד שם פירוש: **תצעד ארץ - רמסת יושבי הארץ**.

7) **ז׳ביחה:** ידוע דרשות הרבים הוא מעלמא דפירודא הסטרא אחרא, ורשות היחיד הוא רשות הבורא עולם סטרא דקדושה כנסת ישראל, (ראה בתיקוני זהר (דף ס״ט עמוד א׳), דרשות לחם שלמה לשמחת תורה דרוש ע׳), וכו׳, וראה מה שכתב בעל ״תולדות יעקב יוסף״ (פרשת נשא בד״ה העולה) וזה לשון קדשו: **עתה התחכם היצר הרע שלא יצטרך לילך ולפתות וללכוד ברשתו כל יחיד ויחיד, רק יחיד אשר רבים נכשלים בו, והוא שמעמיד שוחט בעיר מסיטרא דיליה המאכיל טריפות לרבים וכולם נלכדו ברשתו**, עיי״ש. **ועל ידי זה מעבירם על הדת ונעשים אפיקורסים** כמו שכתוב הדברי חיים בשו״ת (יו״ד חלק א׳ סי׳ ז׳) כותב **שעל ידי שוחטים שהיו קלים, הרבה קהילות התקלקלו בגרמניה, ועזבו את דרך היהדות** רח״ל (עיין שם באריכות).

8) **ע׳ירובין:** ראה בתיקוני זהר (דף ס״ט עמוד א׳). ראה עוד מה שכתוב הצדיק הקדוש רבי שלמה זלמן עהרענרייך זי״ע משאמלויא (בעל שאלות ותשובות דרשות לחם שלמה): **וכן יתאמץ כל אחד ואחד במסירות נפש שלא יפריעו חס ושלום העירוב שעשינו ברוך השם על צד היותר טוב**, והארכתי בביאור **הטובה הרבה של העירוב וכוונתו לעשות מרשות הרבים רשות היחיד הוא רשות הבורא עולם סטרא דקדושה** כמבואר בספרים הקדושים, וכו׳.ראה אוהב ישראל (לחג השבועות). ראה עוד באר מים חיים פרשת יתרו, ועיין עוד סדורו של שבת שורש ב׳ ענף א׳ בענין זה).

9) **״מ׳קוה: צריך לטבול בערב שבת קודש לברוח מרשות הרבים אל רשות היחיד יחודו של עולם**: ראה בספר הקדוש באר מים חיים (פרשת בהעלותך), ראה עוד תיקוני זהר (דף ס׳ עמוד א׳), רעיא מהימנא (השמטות דף רס״ד עמוד ב׳), רעיא מהימנא (במדבר פרשת פנחס דף רמ״ב עמוד א׳), תיקוני זהר (דף כ׳ עמוד א׳), תיקוני זהר (דף ס״ו עמוד ב׳). ועל כן הצדוקים האלו **הכשילו** קודם במקוואות פסולות להכעיס, זאת אומרת יודעים רבונם ומתכוונים למרוד בו, וכשגמרו במכשולי המקוואות התחילו לעקור מצוות שבת. [ראה רש״י בראשית י״ג, י״ג, עה״פ: **ואנשי סדום רעים וחטאים לה׳ מאוד**].

10) ידוע דרשות הרבים הוא מעלמא דפירודא הסטרא אחרא, ורשות היחיד הוא רשות הבורא עולם סטרא דקדושה כנסת ישראל, (ראה בתיקוני זהר (דף ס״ט עמוד א׳), דרשות לחם שלמה לשמחת תורה דרוש ע׳), והסטרא אחרא הוא המלאך המות, הוא הסמ״ך מ״ם, ומעמיד רבנים בכל מקום מסיטרא **דיליה**, - ראה עוד תיקוני זהר (דף ס״ט עמוד א׳).
הצדיק הקדוש רבי שלמה זלמן עהרענרייך זי״ע משאמלויא (בעל שו״ת דרשות לחם שלמה): וכן יתאמץ כל אחד ואחד במסירות נפש שלא יפריעו חס ושלום העירוב שעשינו ברוך השם על צד היותר טוב, והארכתי בביאור הטובה הרבה של העירוב **וכוונתו לעשות מרשות הרבים רשות היחיד הוא רשות הבורא עולם סטרא דקדושה כמבואר בספרים הקדושים, וכו׳, וכשעושין עירוב נעשה מרשות הרבים רשות היחיד ונתהפך מדין לרחמים,** וכו׳.

"והכינו את אשר יביאו" מכאן לעירובי חצירות מן התורה, שיערב אדם בשבת בפת או בשום מאכל, כדי שיטלטל מבית לבית ומחצר לחצר (מדרש לקח טוב פרשת בשלח).

**קריאה של מצוה - שמרו משפט ועשו צדקה – השבת ישלם לך בחזרה**

מצוה גדולה לתמוך העירוב אשר בעיר, כל אחד מתבקש לשלוח צדקה לוועד העירוב די בכל עיר ועיר כי ההוצאות גדולות מאוד.

**די מצוה פון עירוב קען העלפען אויף אלע מיני ישועות. ובפרט געהאלפען צו ווערן מיט קינדער, ווי דער הייליגער צאנזער רב זי"ע האט איינעם געזאגט וואס האט נישט געהאט 16 יאר קיין קינדער, אויב דו וועסט מאכען אן עירוב אין שטאט, און אידישע קינדער וועלען טראגען וועט דיין ווייב אויך טראגען, וכך הוה. ווער עס האט דעמאלטס נאר צוגעהאלפען צום עירוב איז געהאלפען געווארען מיט קינדער.**

**כל ישראל ערבים זה לזה: נא לפרסם הקול קורא'ס האלו בבתי כנסיות ובבתי מדרשות, ולשלוח לכל החברים שלכם**

## לעצטע נייעס

**דינסטיג איז געווען א חתונה אין וויליאמסבורג וואו הגה"צ המפורסם רבי פישעלע הערשקאביטץ אבדק"ק קלויזנבורג האט מסדר קידושין געווען.**

**ער האט צו גערופען די עידי קידושין, ער האט זיי געפרעגט אויב זיי טראגען מיטן עירוב, ווייל אויב נישט זענען זיי פסול לעדות, זיי האבען געענפערט יא! מיר גלייבען אין עירוב! אזוי האט וויליאמסבורג זוכה געווען צו א כשר'ע חתונה.**

## דער קאשויער רב שליט"א איז נישט מסדר קידושין ביי א חתונה וואס מען סערווירט בהמה פלייש

**ווער עס געדענקט נישט - דער קאשוי' רב שליט"א איז נישט מסדר קידושין פאר איינעם וואס עסט בהמה פלייש מיט דער טענה, אז איינער עסט נבילה טריפה וחלב וואס איז אן איסור כרת, איז פסול לעדות. איינמאל איז ער געקומען פון בעדפארד הילס קיין וויליאמסבורג מסדר קידושין זיין, האט ער געפרעגט אויב אויף די שמחה איז דא בהמה פלייש, מען האט איהם געענפערט יא, ווייל איין מחותן האט באשטעלט אהן דעם רשות פון צווייטען מחותן. קאשויער רב האט זיך אויפגעהויבען און איז צוריק אהיים געפארן, און האט נישט געוואלט מסדר קידושין זיין.**

## א דריטער רב האט דעם שבת ביי א דרשה געשריגען מיט קולות

**רבותי! געוואלד ווי זענען מיר אין רוסלאנד? רבנים גדולי ישראל זאגען עדות אז די מקוואות פון התאחדות הרבנים זענען פסול, אין שא שטיל, ווי די אפיקורסים שרייבען אין זייער משכילישען צייטונג, אויף די רבנים גדולי ישראל די הינט בילן און די באן פארט ווייטער, אויב אזוי קען מען זיך מיט די חברה בכלל נישט משדך זיין, יעצט פארשטיי איך שוין זייער גוט פארוואס עס קומען ארויס פלוצלינג אזויפיהל צדוקים ווי די יונגע רבנים'לעך קעגען עירוב, ווייל די אלע האבען שוין יארען עובר געווען אויף איסורי כריתות, ועל כולם זענען א גרויס חלק געבוירין געווארן פון די פסולע המקוואות.**

[יא! די באן פארט ווייטער, קרוב צו טויזענט אברכים מיט בחורים גייען צו ב"ז, הונדערטער בחורים און יונגע לייט שערן זיך די בערד. רבותי! איך וועל אייך פארציילען א מעשה נורא: אין ירושלים עיה"ק איז געווען א גרויסער עושר א גערער חסיד, ביי הצדיק הקדוש רבי משה ארי' פריינד זצ"ל ראב"ד ירושלים. איז געווען דארט איינער פון מאנראו.האט ער איהם געבעטען צדקה פאר סאטמערער מוסדות, האט ער אים געגעבען 300$, דער סאטמערער זאגט איהם וואס הייסט פאר 10 טויזנט קינדער גיסטו אזא קליינעם סכום? האט ער איהם געענפערט, איך בין מער צופרידען ווען דאס געלט נעמסטו פאר דיר אין דיין טאש, יענער שרייט חי וקים וואס האסטו א קעגען סאטמער? האט ער איהם געענפערט, איך בין געווען אין מאנראו, האב איך געזעהן צענדליגע בחורים מיט געגאלטע בערד, שפיץ בערדלעך, האב איך געמיינט אז איך בין יעצט אין א מוסד פון בני עקיבא, איך וויל דיר אזויפיל זאגען: אין גער איז דא 20 טויזנט חסידים דו וועסט נישט טרעפען קיין איין חסיד זאל זיך שערען די בארד! - יעצט פארשטייסטו שוין פאר וואס איך וויל ענדערשט געבען די געלט פאר דיר?].

רבותי! זאגט נאך אין מיין נאמען, אז אך און ווי איז פאר די אלע וואס זענען לוחם קעגען עירוב. געדענקט שבת איז שמו של הקב"ה, ווער עס שלאגט זיך מיטן שבת שלאגט זיך מיטן הקב"ה אליין. נעמט א מוסר השכל פון די מעשה: מיט 22 יאר צוריק ווען מען האט געמאכט דעם עירוב אין בארא פארק, איז א געוויסער רב געגאנגען אין לעבען אז אידען וועלען קענען האלטען שבת ווי דער שו"ע זאגט אונז: האט ער געהאלטען מוש"ק א דרשה אויפן ראדיא, קעגען עירוב, דאס איז געווען זיין ערשטע דרשה אויפן ראדיא, און זיין לעצטע דרשה, ווייל צוויי טעג שפעטער איז ער געגאנגען זאגען א סיום אין וויליאמסבורג, און האט באותו מעמד באקומען א סטראוק רח"ל. איך ווארען אלעמען! שלאגט אייך נישט מיט הקב"ה. זייט נישט קיין מרים יד בתורת משה. געדענקט וואס דער תשב"ץ זאגט: המתנגד לעירוב: 1. או שהם הדיוטות גמורה הוא. 2. או מינות נזרקה בו.

## שטורעמדיגע נייעס - מען וויל הרג'נען א רב וואס האט אויסגערופען ברבים די פאלגענדע ווערטער

די אלע חותמים קעגען עירוב בעקלאמפערשט אז רבינו הק' זי"ע איז געווען דער גרעסטער לוחם קעגען עירוב.

און אלע רבנים וואס זענען נישט מער ווי קעלבלעך מעקען נאך, איינער נאך דעם אנדערען, דער האט געהערט פון דעם, דער פון דעם, א.ד.ג.

איך זאג אפען ברבים, מען דארף די אלע רבנים הענגען ווי די חז"ל זאגען (ראה ספר גן נעול, ביאור לספר יצירה: הרוצה לתלות יתלה באילן גדול. וזהו טפשות ורשע מן המוציא דברי התורה למינות, עכ"ל.

רבינו הק' מסאטמאר זי"ע איז געווען גאב"ד ירושלים עיה"ק לערן 50 יאר און אונטער זיין נשיאות איז אלע יארן געווען אן עירוב, עד היום הזה, לויט די צדוקים וואס מעקען נאך ווי די קעלבלעך איינער נאך דעם אנדערען [פאר די פאר דאלער וואס מען שטאפט זיי אן] און שרייבען יארן אין די צייטונגען בשם די אלע **רבנים צדוקים מינים וכופרים**, אז רבינו הק' איז געווען דער גרעסטער לוחם קעגען עירוב בכל העולם כולו, פארוואס שרייבען זיי נישט אז עס איז אין ירושלים קיינמאל קיין עירוב נישט געווען! – רבותי! איך זאג אייך צו, עס וועט קומען א צייט אז זיי וועלען נאך עדות זאגען בשם רבינו צענדליגע עדות, אז רביה"ק איז געווען קעגען דעם עירוב אין ירושלים עיה"ק, [זיי האבען אין קרן הצלה קרוב צו א ביליאן דאלער, אין אי"י איז דאך געווארן א גרויסער הונגער ל"ע, וועלען זיי אנפאנגען אונטערצוקויפן דארט אויך די רבנים זאלן אונטער שרייבען קעגען עירוב, זיי וועלען נאך צאלען געלט פאר די ציונים זאלען דארט צוריסען דעם עירוב, ימים ידברו, **אזוי ווי איוב (לב ז') האט שוין געזאגט מיט רוח הקודש "אָמַרְתִּי יָמִים יְדַבֵּרוּ וְרֹב שָׁנִים יֹדִיעוּ חָכְמָה"]**, איך וועט קומען א צייט וואס זיי וועלען שרייבען עס איז אין ירושלים קיינמאל נישט געווען קיין עירוב פאר די אידען נאר פאר די אראבער זאלן קענען טראגען די ברענטשעס פאר די בתי מדרשים, פונקט ווי זיי האבען געצוואונגען דעם דיין רבי ישראל חיים מנשה פרידמאן אז ער זאל שרייבען אז נאך די 30 יאר וואס עס איז געווען אן עירוב אין וויליאמסבורג און צענדליגע טויזענטער אידען האבען געטראגען, פלוצלינג האט מען איהם געצוואונגען צו שרייבען אז דער עירוב איז נאר געווען פאר די גוים.

הונדערטער סאטמערער חסידים וואס זענען שוין בעולם העליון, זיי זיצען שוין לאנג אין גן עדן, פלוצלינג קומט א שווארצער מלאך און שרייט אויס פאר די אלע סאטמערער חסידים קומט שנעל ארויס, איר מוזט אלע שוין אריינגיין אין גהינום, זיי שרייען חי וקים וואס איז געשעהן, מיר זענען שוין אריבער 20 יאר אין גן עדן! דער גן עדן איז גוט!

דער מלאך ענטפערט, פארפאלען דער דיין אויף וועמען איר האט זיך פארלאזט אויף דעם עירוב אלע יארן האט יעצט ארויסגעגעבען א פסק אז דער עירוב איז נאר געמאכט געווארן פאר די גוים צו טראגען די ברענטשעס. על כן האט איר דאך מחלל שבת געווען יארן לאנג, על כן מוזט איר אלע שוין

אריינגיין אין גיהנום. יא רבותי! אויב עס איז נאך דא שקר אויף די וועלט **איז סאטמער דער גרעסטער שקר**.

ב״ה, לא אלמן ישראל, נאך די נייע גזירת שמד וואס די יונים פון סאטמאר האבען ארויס געגעבען, אז די עלטערן וואס וועלען טראגען מיטן עירוב וועט מען זייערע קינדער ארויסווארפן פון די מוסדות, און זיי האבען שוין געטוהן הלכה למעשה. איז לעצטענס ארויסגעקומען פרישע נייעס, אז עס האבען זיך צוזאמען געגומען עטליכע עשירים וואס יעדער וואס ער טראגט און מען ווארפט ארויס זייערע קינדער פון די יוונים [סאטמער] חדר, וועלען זיי אויס צאלען [שכר לימוד] א גאנץ יאר פאר די אלע קינדער מען זאל אריינגעבען אין די תלמוד תורה פון פאפא ווין צעהלים, קלויזנבורג, ספינקא, וויזניץ בני ברק.

יא אז מען דערלעבט דערלעבט מען, סאטמערער חסידים ווילען שוין אריינגעבען זייער קינדער אפילו אין וויזניץ. א רב האט געפרעגט אן עושר היתכן וויזניץ איז דאך ענקער שונא ציוני נומער איינס! האט ער געענפערט: איך קוק זיך ארום ווי הונדערטער סאטמערער חסידים שערען זיך בארד אין פיאות, הונדערטער רייכערען אין שבת קודש, א גרויסער חלק האבן זיך ממש גע׳שמדי׳ט, קרוב צו טויזענט האט מען געחאפט אין ב״ז, און דאס איז אלעס כשר וישר, [קיינער לויפט נישט נאך, קיינער שלאגט נישט, קיינער שרייט נישט אט די חברה, יעדער ווייסט אלעס, עס איז כשר וישר] נאר אז די גרעסטע גדולים פון וויליאמסבורג מאכען אן עירוב ווייל זיי ווילען מקיים זיין די מצוות התורה, זיי ווילען מקרב זיין די גאולה, וואס די גאנצע גאולה וועגט זיך אין שמירת שבת קודש, קומען די צדוקים לערנען אויס די קינדער מיט די בחורים זאלען נאך לויפן שלאגען הארגענען פרויען, ווי איין שוואנגערדיגע פרוי האט מען שיעור געהרגיט, איין פרוי האט מען געשפאלטענט דעם קאפ, איך וויל נישט אונזערע קינדער זאל אויף וואקסען על-קיידאיניקעס און כאמאסיניקעס וואס רייסען זיך אליין אויף אבי הרג׳נען יענעם.

# קונטרס הצדוקים בהלכה

## בו יבואר שהלוחם נגד עירוב הוא צדוקי מין וכופר בעיקר

**ואם היה בימי הסנהדרין היו ממיתין אותו, כי אתם באים לעקור תלמוד שסידר רב אשי, ולחלוק על כל הגדולים שהיו עד היום הזה, אותם שמתו ז״ל ואת אשר חיים עד הנה, לכן חזור בך ואל תיטוש תורת משה רבינו עליו השלום.** (לשון הרא״ש ז״ל)

**ואף אם הלוחמים יש להם בי״ד, נקראים בחז״ל בית דין של צדוקים, כדאמרי חז״ל (סנהדרין נ״ב:) בית דין של צדוקים הזה**

גם יבואר בו בדרך ארוכה וקצרה, מה שכתבו חז״ל וגדולי הראשונים ואחרונים אדירי התורה בדיוק נפלא במה ואיך שיכולים לדעת מי הוא צדוקי או מין וכופר, ואם מותר להשתדך עמהם, ולשאול להם שאלות ובספר הזה עין בעין תחזינה עיני הקורא מי נקרא צדוקי.

מצות עירוב הוא יסודתו מהררי קודש משלמה המלך עליו השלום, והראשנים ובעלי השולחן ערוך, ותקנתם פשטה בכל תפוצות ישראל מזמן חז״ל. והמעיין בספרי עירובין שיצאו לאור יראה ויבין השקרים והזיופים והמכשול והתבערה שפעלו המערערים ברוח סערה, להדיח רבבות ישראל שיפלו ברשת הצדוקים והמינים ולהפוך את הקערה ולומר על מצות עירוב שהוא טמא רה״ל, ועי״ז הם להחמים כנגד הרבנים המקיימים מצות חז״ל לעשות עירוב, ולא עוד אלא שמלאו כל חלל העולם בבלבולי שקר וכזב שוא ותרמית להתיר את האסור ולאסור את המותר בחילול שם שמים איום ונורא, בהוצאת שם רע על שארית ישראל המתנהגים בדרך ישראל סבא וברוח טהרה, עפ״ל.

**אתם חולקים על מצות עירוב, אבל תדעו שאתם גם כן נושאים עירוב של מינות וכפירה שנזרקה בכם רח״ל.**

***כי צדוק וביתוס היו תלמידיו של אנטיגנוס, וטעו בדבריו שאין שכר ועונש בעולם הבא וכפרו בתחיית המתים ובעולם הבא,*** (אבות דרבי נתן פרק מ״ב דף כ׳ ב׳)

**הני צדוקים ניתן להם תורה בכלל כל ישראל וקבלוה אבותם בהר סיני, אלא שאחר כך כפרו בתורה שבעל פה ואם כן הם מטמאים באהל כישראלים.**

(שו״ע מבי״ט חלק ג סימן כב:)

יצא לאור ע״י הרב **יצחק יעקב מאשקאוויטש** ברוקלין ניו יארק

מח״ס בית יצחק על מסכת עירובין - ברוקלין נוא יארק - חודש אייר שנת תשס״ג

# בשורה טובה בקרוב יופיע לאור ספר הקדוש

# ויואל משה החדש

## כולל שלשה מאמרים

<u>מאמר א:</u> מי הוא יהודי או צדוקי. <u>מאמר ב:</u> מחיית עמלקים וצדוקים.

<u>מאמר ג:</u> דין הצדוקים המינים והאפיקורסים בזמן הזה.